בעזהשי"ת

ספר
מלחמות השם

חלק כ"ה

מדור אזהרות לפסח

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת
שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

מדור אזהרות לפסח

א) אויב די כשרות פראבלעם אין אונזער וועלט שטאט ניו יארק איז אין אַלגעמיין א גאנץ יאָר זעהר אַ פּארוויקעלטע און זעהר אַן אנגעוועהטאגטע, ווערט זי נאך מער קאמפּליצירט אין פארשארפט ווען עס קומט אן דער הייליגער פסח, דוקא פסח ווען עס האַנדלט זיך פון אַ משהו חמץ ווען יעדער איד וואָס אפילו אַ גאנץ יאר איז ער ניט אזא מדקדק און נזהר אין כשרות, וואלט ער אבער וועלען אז פסח זאל זיין אלעס ביי איהם מיט'ן גרעסטען הידור כשרות.

און דוקא ביי רעם גרויסען און שטרענגען יו"ט אנשטעהט אזא טומעל אזא תהו ובהו וועגען בשרות אז עס איז במעט ווי אונמעגליך זיך צו פונאנדערקלייבען, אין רער רעזולטאט איז אז אפילו פרומע אָפּגעהיטענע אירען וואס זייערע טאטעס און זיירעס וואלטן נישט געהאט דעם מינרעסטען געדאנק אין יו"ט פסח, צו ניצען אין אריינברענגען אין שטיב פארטיגע עסענס אפילו מיטען פרומסטען הכשר ניטאמאל פאר קליינע קינדער, אין היינט ליידער איז דאס אזוי גרינג.

ב) גערענקט חשובע אידען אין פסח איז אפהענגיק רער צוקונפט פון דעם קומענדיקן יאר **לטובה פאר אייך מיט אייערע קינדער**. אזוי ווי רער קדוש האריז"ל זאגט ערות, אז דער וואס איז נזהר פון אַ משהו חמץ, מעג ער זיין זיבער אז ער וועט ראס יאר נישט זינדיגען.

דאס איז גערערט פין גאר וויבטיגע לעבנס מיטעל. אבער מותרות (געבעקס, טשאקאלאר, סאדעס,) וואָס מען קען זיך באגיין אָהן דעם איז נישט געקימען אפילו אין באטראבט צי ניצען ביי מדקדקים אינרערהיים.

ג) דבותי מען נארט זיך אליין, מען פראָבירט זיך איינרערען אז מען האלט אָן די מנהג ישראל [אידישע פירונג] אז פסח מישט מען זיך נישט, יעדער עסט נאר ביי זיך, דער טעם פון מנהג איז ווייל יעדער האט זיך זיינע אייגענע חומרות וכדומה, אט דער זעלביגער וואס איז שטאַרק מקפיד נישט צו עסען ביי יענעם, רערגעגן קויפט ער פאַרשידענע עסען אדער געטראנגען פאר'טיגע איז דאך ראס נאך ערגער ווי מישען זיך, ווייל יעדער פארשטייט אז אַ פאַבריקאַנט איז וועגן ביזנעס זיך מער מקיל אין סאך זאַכען, ווי איינער וואס קאָכט אליין ביי זיך אין שטיב, איז ראך ראס אַ סתירה, רא וויל ער נישט צירירען פין יענעם, אפילו ער זאל בלייבען הינגעריק, אבער פון געשעפט קויפט ער אלע פראָרוקטען, (ליינט ווייטער או' ו' פין סאבאטשובער רביין רי חסרונות פון קויפן פארטיג).

ווער רערט שוין פין רי חומרא וואס אנשי מעשה האבן נישט געגעסען אפילו וואס מען קאָכט אין שטיב נאר די מינרעסטע, פין רעם האלט מען נאך גאר ווייט.

ד) בפרט רער וואס לויפט נאָך רעם שענסטען אתרוג, פיצט אויס שיין די סוכה, קויפט אַ שיינעם טלית וכיוצא, דארף ער אויך זעהן אויסצפיצען דעם יו"ט פסח, אין ראס מיט די שטרענגסטע זהירות אין חומרות אין אלערליי עסען, אין אַווראי נישט קויפען.

ה) מיר מיזען באטאָנען אז ב"ה לא אלמן ישראל אין עס געפינען זיך אידען מרקרקים וואס קויפען נישט, אפילו זייף פארטיגע, [עס איז אַ קלייניקייט אליינס צו מאכען] עסענ'ס איז שוין אָפגערערט, אבער פין דעם איז דא ליירער גאר געציילטע, פארוואס זאָל ראס זיין אזוי?

ו) אין איינוועגס ווילען מיר מעורר זיין אויף רעם וואס ווערט געברענגט אין ש"ע (ת"ס ס"ב, חק יעקב, הגר"ז, מ"ב כה"ח, שם) עס געבירט זיך ראָס יעדער זאל זיין דערביי ווען מען באַקט זיינע מצות אין אליינס צי העלפען, דער הייליגער סאָכטשובער זצ"ל (אבני נזר שעב') שרייבט פאלגענר:

איך האב געהערט אז עס איז איינגעריסען שטארק אין טייל שטעט דאָס נישט יעדער איינער באַקט מצות פאר זיך נייערט איינער באקט אין פארקויפט [אזוי ווי היינט], אין ראָס איז מיר זייער שלעכט געפאלען ערשטנס ווייל רי הלכות פין מצות זענען זעהר פיהל אין אויב יעדער באַקט פאר זיך גיט מען אכטונג אלעס זאל זיין געהעריג הונרערט פראָצענט, אַנרערש איז אבער אויב איינער באקט פאר ביזנעס [אַ בעקעריי] איז זיין גאנצע שטרעבן צי שפארען געלט, אין גיט נישט אזוי אכטונג אויפן באַקען.

פארוואָס זאלען מיר זיך נישט אָנשטרענגען אויף אזא באליבטע מצוה וואָס קומט פסח איינמאל אין יאר, דעריבער זאל מען דרשנען ברבים אז **דער וואס פארבאט זיך פארן באשעפער** זאל ער זיך פירען אזוי ווי אונזערע טאטעס אין זיירעס, אין **יעדער זאל באקען מצות פאר זיך**, אין זיך פרייען מיט די מצוה.

אין ער מעג זיכער זיין אַז די מצוה וועט אים ביי שטיין ראש השנה ביים יום הדין אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק, [ראס זענען די רייד פין רעם אויבנדערמאָנטען צדיק זי"ע].

ז) ראָס איז אויך אַ מוסר אין אנווייזונג אויף אנרערע עסענ'ס וואס מען קויפט פארטיג אַ גאנץ יאר אין כ"ש פסח, אז דער ביזנעסמאן לייגט די גאנצע געוויכט ארויסצוגעבען די ווארע ביליג, אין צי בעטען אסאך, צוליב רעם איז ער גרינג אין געוויסע הארבקייטען, וואָס מען מאכט ביי זיך אין שטיב דאס דארף מען עסען, אין נישט מער.

ח. אויך ווילען מיר מעורר זיין אויף פסח אין אַגאנץ יאר אז מען האלט פסח גרינג צי פארלאזען זיך אויף געוויסע שאלות וואס רער חבר אָדער שכן האט אויך געהאט, אין דער ריין ומו"צ האט יענעם געפאסקענט כשר איז במילא פאר אים אויך כשר, דאַרף מען וויסען אז מען טאָר זיך אויף רעם נישט פארלאָזען, ווייל טיילמאָל זענען געוויסע טיילען אַנרערש געווען ביי יענע שאלה, וואס טוט במילא ענדערן רעם הלכה ביי די שאלה.

בעזהשי"ת

ספר

מלחמות השם

חלק כ"ד

הוראה לקונה טלית

❖

קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת
שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

א רוף צו אלע אידן ! זייט מבער דעם פארבארגענעם חמץ !

אין אדם עומד על דבר הלכה, אא״כ נכשל בה.

קודם וויל איך פארציילן א קליינע מעשה׳לע וואס איז ביי מיר פערזענליך פארלאפן מיט א קורצע צייט צוריק, איך האב מיר געקויפט אן אנצוג פון (לוסטער) וויד״שטאף, ווייענדיג זיכער אז אין דעם סוט (אנצוג) קומט נישט אריין קיין שום וואל, און דעריבער די אלע רבנים וואס זענען מקפיד (בידוע מהרבה פוסקים וספה״ק עי׳ בספרי דבר משה באריכות) נישט צו טראגן קיין וואלענעם בגד, גייען ארומשליסלעך נאר אין א אנצוג פון דעם מין סחורה, ויהי היום איז מיר אריינגעקומען א רעיון אז אייגענטליך אין אזא וועלט ווי היינט וואס רוב זאכן וואס האבן געהייסן פון אלע יארן כשר וישר און עס איז קיינמאל נישט געהערט געווארן דערויף קיין שום ספקות און היינט צו טאג איז עס ממש איבערגעציינט געווארן מהיפך להיפך, אזוי ווי פארשידענע פליישן און אנדערע מאכלים ומשקאות תפילין ומזוזות, ס״ת, ראקטורים, וכו׳ רעריבער ווי קען מען זיין פארזיכערט ביים פרט פון שעטנז וואס דאס איז מרבדים העומדים ברומו של עולם, און דער בעל דבר האט אודאי נישט פארגעסן אויך פון די מצוה איז ווי קען מען זיך פארלאזן גלאט אזוי און טראגן א בגד אופן ספק וואס מען האט אייביג געוויסט אז עס קומט נישט אריין דערין קיין צמר, אהנע ניישע אויספארשונגען.

נישט לאנג געטראכט במנהגי ביי די ענינים האב איך זיך אויסגעהויבן און תיכף אריבערגעגאנגען צום גרעסטן שעטנז קאנצעליי פון אמעריקא וואס איר גרינדער און שאפער איז נישט קיין אנדערער ווי דער וועלט באריםטער מומחה און נעביט פון שעטנז החסיד המפואר מוהר״ר יוסף ראזנבערג שליט״א וואס איז באוואוסט שוין נישט פון היינט אלט דער גרעסטער און שטארקסטער דינאמישער קאנאן אינעם ווינקל פון שעטנז (אגב מצוה לפרסם עושת מצוה עס איז פשוט כדאי דער המון זאל וויסן וואס פארא איבערמענטשליכע אומדערמידליכע כוחות הרבני הנ״ל לייגט אריין אויסצורוימען דעם שעטנז חמץ פסח און אגאנצן יאר פון דער גאנצע וועלט בכלל און אמעריקע און א״י בפרט, וואס עיקר כוונתו איז לשם שמים, כאשר שמעתי מהרבנים והגאונים שליט״א)

עס פארלאנגט זיך און עקסטערע כח צו באשרייבן די פיהלע צרות און מס״נ וואס גר״י הנ״ל האט דאדעך געמאכט צו דערגרייכן דיין מיסיע פון ביעור שעטנז וואס קיין שום כוח אין דער וועלט האט אים נישט געקענט אפהאלטן פון אנצופירן זיין היילגע ווערג באמונה, דאס איז חוץ א פולע רייע פון פארשידענע מצות און מעשים טובים טעטיגקייטן וואס הנ״ל נעמט אין דעם א חלק כראש).

איך קען נישט שילדערן מיט ווערטער די געפילן וואס האבן מיך ארומגענומען הערנדיג פון הנ״ל נאך א גרינטליכע אונטערזוכונג וואס ער האט געמאכט אויף מיין אויבנדערמאנטן סוט, דאס די גאנצע אונטערלאגע איז געמאכט פון עכט וואל, איך בין געווארן שרעקליך אויפגעברויזט, צענדליגע קשיות און פראגן זענען מיר ארויסגעשווימען אין מוח.

ערשטנס: היתכן ? אזא שטאף וואס דורי דורות האבן גענוצט די אלע מדקדקים ואנשי מעשה וואס האבן נישט געוואלט טראגן קיין צמר, און די סוחרים ווייסן גאנץ גוט אז היינט קויפן דאס אויך בעיקר די סארט מענטשן, און מען טוט זיי נישט אויסמערקזאם מאכן דערויף אז עס קומט היינט געמאכט מיט צמר.

ועל כולם דער עיקר וואס מיר ערגערט אין מוח א קשיא וואס איז נוגע גלייכצייטיג אויך צו אלע אנדערע סוט׳ס היתכן די געשעפט׳ס-לייט לאזן נישט אונטערזוכן דעם גאנצן סטאק די קליידער פון שעטנז מיט איינצעלנע אויסנאמען, פון וואנעט נעמען זיי די מוחט, און ווי קענען זיי שלאפן רואיג וויסענדיג אז שווערע טויזנטער מענטשן וואס טראגן זייערע קליידונג קענען געשטרויכלט ווערן אום ווילנדיג און אומויסנדיג אין דעם הארבן איסור פון שעטנז, וואס חוץ די 2 לאווין דאורייתא שרייבט דער זוה״ק (קדושים) אז די תפלות ווערן נישט נתקבל חאטש דער אנגעקלייטער ווייסט גאר נישט אז ער גייט מיט שעטנז, נאך שרייבט דארט דער זוה״ק אז דער וואס איז געקליידעט מיט שעטנז איז גלייכצייטיג געקליידעט מיט די כוחות הטומאה און ליגט געבינדן ביי זיי אין די הענט.

עס איז מערקווירדיג אינטערעסאנט וואס די רקנטי שרייבט פאלגענד: עס איז דא א שטן וואס איז באשטימט איבער די אלע וואס גייען געקליידעט מיט שעטנז און ער האט א רעכט זיי צו שעדיגן ע״כ. קומט אויס אז א חשוב טייל פון פארשידענע פלתלוגע אומגליקן ווי צב״ש: קאר עקסידענטן הארץ אטאקעס ביי יונגע מענטשן, בליטיגע אולסערס, צער גידול בנים, און נאך פארשידענע אומצאליגע אינצידענטן וואס קומען פאר ביי היימישע שטיבער, הער ווייסט וויפיל מאהל דאס שעטנז קליידונג איז געווען דער גורם דערצו אזוי ווי די אויבערדערמאנטע ווערטער פון רקנטי אז דער שטן איז בארעכטיגט מזיק צו זיין די אלע וואס זענען געקליידעט מיט שעטנז.

אדרבה פרעגט זיך נאך ביים ראש פון די חברה הצלה הרה״ח המפ׳ ר׳ צבי וועבער נ״י שליט״א פון „הצלה״ וועט איר זיך איבערצייגן וויפיל אומגליקס פאלן פאסירן.

יעצט טייערע סוחרים פארוואס זאל דאס זיין אז צוליב 50 ביז 80 סענט וואס איר קענט האבן אונטערזיכט יעדן סוט זאלט איר זיך ארייןלאזן אין אזא גרויס אחריות, וואס שטעלט אין געפאר דעם קונה געשטרויכלט צו ווערן מיט שעטנז וואס איר פארלוסט דערגרייכט רער וועלט און יענע וועלט, ווייל וויסן זאלט איר אז דער סוחר נעמט א אייגענעם חלק מיטן קונה און נאך א גרעסערן צוליב זיין גלייכגילטיגקייט ווייל דאס איז זיכער און שום צווייפל אז יעדער קונה און אויסנאם וואס פארמאגט נאר אין זיך א ברעקל תורה און יראת שמים וועט און טראכטן זיכער מסכים זיין אויף א סוט וואס קאסט געגיג און זיך צו לאזן קאסטן נאך 75 סענט אז זיין געוויסן זאל זיין רואיג אז ער גייט נישט מיט שעטנז, גיט נאר א קוק אירין אפילו פשוטע נישט סונם ערשטן קלאס צאלן טאג טעגליך ארויף יעדן בשר׳ן פראדוקט נישט בלויז 75 סענט נאר גאנצע דאלארן אבי ער זאל זיין געזיכערט אז דער מאכל וואס ער עסט זאל זיין 100 % כשר חאטש יעדעס עסן ארער געטראנק געדוירט בלויז אפאר מינוט ראס עסן און טרינקען וואס עס קען זיין אז ער טוט אן איסור כ״ש ק״ו בן בנו של ק״ו און אנצוג וואס מען קויפט אויף א לאנגע צייט אודאי און אודאי אז יעדער איינער איז גרייט זיך צו לאזן קאסטן די נישטיגע סומע פון 75 ¢ בפרט דער סוחר האט דאך א ברירה אפילו אויב ער וויל נישט צושטייער געבן צום איסור שעטנז אפילו די 75 סענט אויך נישט. חאטש דאס ראטעווערט איהם יערליך סתעס אחריות פון טויזנטער מלבושים וואס ווערן פארקויפט וואס ווען מען זאל צוזאם רעכענען די אלע לאווין וואלט דאס געגרייכט יערליך אין די שווערע טויזנטער לאווין ווייל יעדע רגע איז מען עובר 2 לאווין איז נאך א גרינגע עצה וואס זאל דעם סוחר קיין שום געלט נישט קאסטן היות מען העכערט דאך במילא יעדע שטיקל צייט די פרייזן פון די אנציגער; זאל מען שטענדיג צושטעלן צום באשטימטן פרייז בלויז 50 סענט, וועט איר האבן מזכה געווען דעם קונה מיט א כשר׳ן בגד און זיך מזכה געווען מיט נישט מכשיל זיין א איד אויף א הארבע לאווין, און עס קאסט אייך נישט קיין געלט אויך נישט !!! און טאמער נישט ח״ו איז עס גארנישט ווייניגער ווי א סוחר וואס שטעלט זיך אוועק פארקויפן פלייש נישט וויסנדיג בין ימינו לשמאלו אויב עס איז כשר אדער טריפה וואס דאס וואלט דאך יעדער געהאלטן פאר א עולה שאין כמוהו ווייל בידוע אין זיך רוב וועלט סומך אופן ערליכקייט פון סוחר וואס דאס איז א גורם אז מען קויפט א סוט ביי א איד פארנאכלעסיגט מען דאס צולאזן אינטערזוכן, באזונדער איז צום באדויערן וואס די סוחרים נעמען אפילו נישט די מיה פארקויפנדיג דעם אנצוג אנצוזאגן פארן קונה (קאסטעמער) אז ער זאל נישט רעגוליירן ח״ו אנצוטאהן דעם אנצוג אהנע שעטנז אינטערזוכונג (באנוש למעשה אפילו עס איז בעסער ווי גארנישט טאר זיך דער סוחר אויף זיך נישט פארלאזן בפרט געפינען זיך נאך סוחרים וואס טוהען דאס פאוקערטע און פארזיכערן דעם קונה אז די אנצוגן האבן נישט קיין שעטנז, אין דער צייט וואס עס איז שוין איבערגעוויזן געווארן טאקע ביי די סוחרים אז ווייערע סוטס האבן געהאט שעטנז ״ זע מודעה פון די רבנים הגאונים שליט״א.

■ ■ ■

רבנים דרשנים ומגידים !!!

אלע ווערן געבעטן צו דארשענען און מעורר זיין סיי די סוחרים וועגן דעם גרויסן אחריות וואס ליגט אויף זיי פארקויפנדיג אומאונטערזיכטע קליידער און סיי די בעלי בתים אז זיי זאלן בשום אופן נישט אנטוהן א מלבוש אפילו לוסטערן ויידן ווי לאנג ער האט דאס נישט געלאזט אינטערזיכן פון שעטנז מיט דעם וועלן די רבנים האבן א גוואלדיגן חלק און זכות הרבים וואס די שכר פון די איז אום ענדליך און אים באשרייבליך כמבואר בדברי חז״ל.

הק׳ שלוי יודא גראס

אבדק״ק האלמין

נ.ב. גלייכצייטיג וויל איך מודיע זיין ומפרסם זיין את וואס אני מזכיר איך האב לאנגע יארן געטראט א טערקישן טליה וואס דארף זיין על פי המסורת עכט ווייס וואל און נאך אן אינטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזן אז א גרויסע פראצענט איז נישט געווען וואל, דאוך שמועסנדיג .מיט חברים וידידים בין איך געוואר געווארן אז אויך ביי אנדערע האט פאסירט דאס זעלבע ומצוה לפרסם.

■ ■ ■

[illegible]

— מיר בעטן אלע רבנים מוחל צו זיין אין דער [illegible] —